*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת בראשית

---

היינטיגער יאר איז שנת ה'תשפ״ו. דאס מיינט אז מיט העכער פינף טויזענט, זיבן הונדערט זעקס און אכציק יאר צוריק, האט דער אויבערשטער באשאפן די גאנצע וועלט און אלץ וואס איז אין איר.

מ'זאל אבער ניט מיינען אז נאכדעם האט דער אויבערשטער אפגעלאזט די וועלט און אירע איין-וואוינער צו פירן זיך אליין (חס ושלום). ניין, זאגט דער אלטער רבי אין תניא, נאר פון דעמאלט אן באשאפט און באלעבט דער אויבערשטער די גאנצע וועלט שטענדיג יעדער רגע. ניט נאר באשאפט ער די וועלט שטענטיג, נאר דער אויבערשטער ווייסט אלץ וואס טוט זיך אין דער גאנצער וועלט, און קוקט אויף אלץ, און פירט אן מיט אלץ מיט זיין השגחה פרטית .

דערפאר העלפט תפילה, ווען מיר דאווענען צום אויבערשטן מיט כוונה מיט דער גאנצער הארץ, ענטפערט ער דורך בייטן די מציאות פון דער וועלט - ער היילט אויס קראנקע, שיקט פרנסה, און שיקט א ישועה און הצלה צו אלע וואס נויטיגן זיך.

איצטער נויטיגט זיך דער גאנצע וועלט אין דער גאולה שלימה. לאמיר אלע דאווענען צום אויבערשטן מיט דער גאנצער הארץ אז מיר זאלן זוכה זיין זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה והוא יגאלנו.

*

דער רבי זאגט אין א שיחה אז דער "צמח צדק" האט געזאגט:
אזוי ווי מ'שטעלט זיך אוועק שבת בראשית אזוי פירט זיך א גאנץ יאר,
דערפאר אז מען פירט זיך שבת בראשית בהרחבה האט מען הרחבה
בגשמיות וברוחניות א גאנץ יאר

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

Back to "Dvar Torah"